*114 Invermay Avenue*
*Downsview, Ontario*
*Canada M3H 1Z8*

15.1.86

ליבער דוד קאץ,

קודם כל גאר א שיינים דאנק אייך פאר די הארציקע ווערטער פון אייער טעליגראם. זייט אזוי גוט און גיט איבער מיין דאנק אויך די אנדערע.

איך שיק אייך דא מיין ארטיקל וועגן אלט-יידישע כתב־ידן, איבער גימאכט אף ענגליש, ווי אייערע תקנות האבן מיך גיהייסן. א שאד.

האט נישט פאריבל, אז איך שטעל א תנאי ביי די ארטיקלין: (א) כ־דארף קריגן אלע קארעקטורן, און מוז געבן מיין הסכמה ביי דער לעצטער קארעקטור, (ב) נישט קיין שום שינויים ביי מיינע טראנסקריפציעס. דער אמת איז, כ־האב גאר נישט חושש גיוועז וועגן די צוויי זאכן, נאר כ־האב מיר גיקלערט, ברחל בתך הקטנה קען נישט שאטן.

ש־כוח פאר די ידיעות וועגן יידיש אין אקספארד. איך האף, איך וועל זען די דיסערטאציעס.

ווער איז היינט אין אוק"ל, וואס האט אינטריגירט? און פאר וואס? א שונא פון יידיש? אין מדינת ישראל מעג מין, און אין די "תפוצות" איז אסור?

איך שרייב בקיצור נימרץ. איר קענט אייך בשום אופן נישט מאלן, וואס ביי מיר טוט זיך, און איך וויל וועגן דעם נישט מאריך זיין.

זייט מיר גיזונט און שטארק    אייער שלמה בירנבוים

שפעטער. הוספה: ./.

דערוויייל האט מען מיר געשיקט פון לאנדאן אייער באשרייבונג פון דער קאנפערענץ, וואס איז גידרוקט אינים "קראניקל." האב איך גיזען, אז דער פיר־לייענער איז נישט גיוועזן קיין אקאדעמיקער, ווי איך האב גימיינט, נאר גאר א חסיד, אזש פון סטעמפערד היל. מיט א טאג שפעטער פאלט פלוציםאריין אן אומגיריכטער גאסט. איר וועט נישט טרעפן. דאס איז גיוועזן שמואל היילע. נו, האב איך שוין גיהערט, ווער יענער חסיד איז גיוועזן. (אגב אורחא, פאר דער מילחמה האבן מיר גיוואוינט נישט ווייט פון דער גאס, וואו היילע וואוינט. דאס איז נישט סטעמפערד היל.) איר זאגט דארטן, אז מיין "נעיטיוו" לשון איז פוילישׁ־יידיש. כ'האב גימיינט, איר ווייסט, אז מיין "נעיטיוו" לשון איז דייטש. און דאס יידיש, וואס איך האב אן גיהויבן צו רעדן אין 1908, איז גיוועזן מיזרח־דרומדיק (טשערנאוויץ), און אזוי פארבליבן ביז 1930.— בשעת מעשה, ווען היילע זיצט ביי מיר קומט זיינס א בריוו, וואו ער באשרייבט מיר די קאנפערענץ.

שיקט מיר אפ מיין יידישן טעקסט, איך ברויך אים.

ווען איך האב גיארביט אף יע נים כ"י
זענין, פארשטייט זיך, נאך נישט גיווען
קיין קסעראגראפיעס. מן הסתם וועט איר
דים פאטאסטאט איבער קערן אף א פאזיטיוו.

איך לייגדא ארייַן א ביי זייטטל 5 (צוליב
א חילוק פון פיניף יאר, א טעות). צורייסט
דאס אלטע בלעטל 5 תומ"י.

26.1.86

זייט אמאל גוט, שיקט מיר אף דים פאטאסטאט

Dr. D. Katz
Centre for Postgraduate etc.
45 St. Giles
Oxford England
OX1 3LW